בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת בלק תשפ"ה** **גליון 801 [שנה י"ז]**

**בלק האט דער עיקר מורא געהאט פון אמורי**

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִפּוֹר אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי: (כב ב) זאגט רש"י בָּלָק האט געזאגט די צוויי מלכים –סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבָּשָׁן,– לֹא עָמְדוּ בִּפְנֵיכֶם, האבן נישט געקענט מנצח זיין די אידן, אָנוּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה, וועלן מיר זיכער נישט קענען מנצח זיין, לְפִיכָךְ, דעריבער "וַיָּגָר מוֹאָב מִפְּנֵי הָעָם מְאֹד", וואס איז לכאורה שווער אז אין פסוק שטייט אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי, וואס איז משמע אז בָּלָק האט נאר געזען וואס די אידן האבן געטאן צו אֱמֹרִי, איז דאס נאר איין מלך, און רש"י זאגט ער האט געזען צוויי מלכים, און נישט נאר אֱמֹרִי? נאר אז מען קוקט אין די פריערדיגע פרשה (כא לא) נאכדעם וואס די אידן האבן איינגענומען אֱמֹרִי, שטייט וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ הָאֱמֹרִי: זיי האבן זיך באזעצט אין אֱמֹרִי, און אֱמֹרִי איז געווען בשכינות פון מוֹאָב, דעריבער האט בָּלָק געזאגט עַתָּה יְלַחֲכוּ הַקָּהָל אֶת כָּל סְבִיבֹתֵינוּ כִּלְחֹךְ הַשּׁוֹר אֵת יֶרֶק הַשָּׂדֶה, ווייל נאך אֱמֹרִי וועלן די אידן דא קומען און חרוב מאכן אונזערע פעלדער, קומט אויס אז באמת האט ער געזען די נצחון אנקעגען די צוויי מלכים ווי רש"י זאגט, אבער דער עיקר דאגה איז געווען פון אֱמֹרִי וואס איז געווען א שכן, אבער בָּשָׁן איז געווען ווייט. (פנים יפות בעל הפלאה)

**א שיינע דרוש אין רש"י "כי ברוך הוא"**

וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא: (כב יב) זאגט רש"י **אָמַר לוֹ, אִם כֵּן אֲקַלְּלֵם בִּמְקוֹמִי, אָמַר לוֹ "לֹא תָאֹר אֶת הָעָם". אָמַר לוֹ אִם כֵּן אֲבָרְכֵם, אָמַר לוֹ, אֵינָם צְרִיכִים לְבִרְכָתְךָ "כִּי בָרוּךְ הוּא"**, צו פארשטיין וואס דער אויבערשטער האט געזאגט כִּי בָרוּךְ הוּא? נאר עס שטייט אין ספר בינה לעתים (סוף דרוש מג) און אויך אין ספר נועם מגדים אויפן פסוק בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ: (דברים ז יד) וואס איז דער שייכות פון בָּרוּךְ תִּהְיֶה, מיט לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר, נאר עס שטייט אין מדרש (בר"ר ס יג און שה"ש כח) ווייל לבן האט געבענטשט רבקה וַיֹּאמְרוּ לָהּ אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה: (בראשית כד ס) וועגן דעם איז זי געווען א עקרה, כדי לבן זאל נישט זאגן אז זיין תפילה האט געהאלפן, נאר דער אויבערשטער האט געוויזן וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא (בראשית כה כא), אז נאר די תפילה פון יצחק אבינו האט געהאלפן, און עס שטייט אז די ברכה פון א רשע איז גאר א קללה, אבער אויב דער אויבערשטער האט פריערט געגעבן א ברכה, וועט די ברכה פון רשע נישט ווערן א קללה, ממילא שטייט פריערט (פסוק יג) וַאֲהֵבְךָ וּבֵרַכְךָ וְהִרְבֶּךָ וּבֵרַךְ פְּרִי בִטְנְךָ, אז דער אויבערשטער וועט דיר געבן א ברכה פאר קינדער, אויב אזוי אפילו בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים, זאלסט נישט מורא האבן פון זייער ברכה זאל ווערן א קללה, זאגט די תורה לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ, ווייל די ברכת ה' איז געווען פריערט ע"כ. לפי"ז איז גוט פשט אין רש"י ביי אונז, אֵינָם צְרִיכִים לְבִרְכָתְךָ, דיינע ברכות וועלן נישט העלפן צו ווערן א קללה "כִּי בָרוּךְ הוּא", ווייל די אידן זענען שוין געבענטשט פריערט פון אויבערשטן. (דברי מהרי"א אסאד)

**די אידן זענען צופרידן מיט וואס זיי האבן**

וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא: (כב יב) לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם: **אָמַר לוֹ, אִם כֵּן אֲקַלְּלֵם בִּמְקוֹמִי, אָמַר לוֹ "לֹא תָאֹר אֶת הָעָם". אָמַר לוֹ אִם כֵּן אֲבָרְכֵם, אָמַר לוֹ, אֵינָם צְרִיכִים לְבִרְכָתְךָ "כִּי בָרוּךְ הוּא"**, צו פארשטיין פארוואס האט בִּלְעָם געוואלט בענטשן די אידן, און אויך וואס איז די תירוץ "כִּי בָרוּךְ הוּא"? נאר בִּלְעָם האט געוואוסט דעם חז"ל אויב ישראל עושין רצונו של מקום אין כל אומה ולשון שולטת בהם, כל זמן די אידן טוהען דעם רצון ה', וועט קיין פאלק זיי נישט מנצח זיין, דעריבער האט ער זיי געוואלט בענטשן, כדי זיי זאלן באקומען א גרויסע שפע, און געהאפט אז עס שטייט וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט, פון האבן אסאך שפע וועלן זיי זיך אפקערן פון אויבערשטן, און וועלן זיי נישט טאן רצון ה', און ער וועט זיי קענען מנצח זיין, האט דער אויבערשטער אים געענפערט, נישט די שפע מאכט דאס, נאר די תאוה צו זינדיגן העלפט אז פון שפע קערט מען זיך פון וועג, אבער כלל ישראל גלוסטן נישט צו זינדיגן, אֵינָם צְרִיכִים לְבִרְכָתְךָ, זיי זענען צופרידן מיט וואס זיי האבן, "כִּי בָרוּךְ הוּא" זיי דארפן נישט מער, דעריבער בענטש זיי נישט. (באר שמואל הגה"ק מאונסדארף)

**מיט תשובה זעהט מען השגחה פרטית**

וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי כִּי לֹא יָדַעְתִּי כִּי אַתָּה נִצָּב לִקְרָאתִי בַּדָּרֶךְ: (כב לד) א מענטש דארף מאמין זיין אז אלעס וואס טוט זיך מיט א מענטש איז פון הימל און גארנישט איז א מקרה א טרעפונג, ווייל אלעס איז מיט א חשבון, און דא אז דער אייזל פון בלעם האט זיך אויפגעפירט אזוי, האט דאך בלעם געדארפט פארשטיין אז דאס קומט פון הימל, אבער וואס האלט אפ א מענטש פון דאס זעהן, דאס איז פון זיינע עבירות, און דאס דערווייטערט אים פון אויבערשטן, און זעהט נישט דעם אמת, דאס האט בלעם געזאגט "חָטָאתִי", ווייל איך האב געזינדיגט דעריבער, כִּי "לֹא יָדַעְתִּי" כִּי אַתָּה נִצָּב לִקְרָאתִי בַּדָּרֶךְ, אז דאס קומט פון אויבערשטן. (חסד לאברהם ראדאמסק) לפי"ז איז גוט דעם המשך וְעַתָּה אִם רַע בְּעֵינֶיךָ, דעריבער, "אָשׁוּבָה לִּי", איך וועל תשובה טאן און זעהן דעם אמת, און האט געזאגט (פסוק לח) בָּאתִי אֵלֶיךָ עַתָּה "הֲיָכֹל אוּכַל" דַּבֵּר מְאוּמָה, איך קען גארנישט טאן אליין, אלעס וועט זיין נאר וואס דער אויבערשטער וויל. (שמח זבולון תשפ"ה)

**ווען דער אויבערשטער איז מיט דיר איז גוט**

לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹהָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ: (כג כא) מען קען מסביר זיין דעם פסוק לויט וואס מען ברענגט פון הייליגן ריזינער זצוק"ל אויפן פסוק (תהלים כז ד) אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי: אַחַת מיינט די נשמה וואס ווערט אנגערופן יחידה, שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה', איז געבארגט פארן מענטש פון אויבערשטן, ער זאל אכטונג געבן אויף דעם און דאס נישט פוגם זיין, און ווייל דער מענטש איז א שואל, איז דער דין אז א שואל איז חייב באונסין, אבער אויב דער אונס איז געשען ווען דער בעלים איז געווען מיטן שואל, שטייט אין די תורה אִם בְּעָלָיו עִמּוֹ לֹא יְשַׁלֵּם, (שמות כב יד) זאגט דער הייליגער ריזינער דאס בעט דוד המלך ע"ה: שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה', איך זאל זיין שטענדיג מיטן אויבערשטן, וועט עס זיין בְּעָלָיו עִמּוֹ עכ"ד הק', דאס קען זיין פשט אין פסוק לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, דער אויבערשטער וועט נישט קוקן אויף דיינע עבירות און דיר שטראפן, און רש"י זאגט הקב"ה לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב שֶׁכְּשֶׁהֵן עוֹבְרִין עַל דְּבָרָיו, אֵינוֹ מְדַקְדֵּק אַחֲרֵיהֶם לְהִתְבּוֹנֵן וכו'

 הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

שֶׁהֵם עוֹבְרִים עַל דָּתוֹ, פארוואס? ווייל ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ, דער אויבערשטער איז מיט אים און בְּעָלָיו עִמּוֹ לֹא יְשַׁלֵּם, מיט דעם קען מען אויך מפרש זיין דעם פסוק גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת (תהלים כג ד) אפילו איך האב געזינדיגט, לֹא אִירָא רָע, האב איך נישט מורא פון א עונש, ווייל כִּי אַתָּה עִמָּדִי, דער אויבערשטער איז מיט מיר. (ירחון מגד ירחים ח"ג תרצ"ג מהרב ליבוש ער האלפערט מבארשא)

## מדור העובדות

## *****דער הייליגער ישמח משה האט געראטעוועט זיין חסיד פון דעם שר און אים צוריקגעשטעלט אויף די פיס *****

הרה"ק רבי משה טייטלבוים זצוק"ל דער הייליגער ישמח משה (תקי"ט - כ"ח תמוז תר"א ומנו"כ בעיר אוהעל) האט געהאט א חסיד ר' שלום, א עהרליכער תמימותדיגע איד וואס איז געווען א שניידער. ער האט געוואוינט אין א דארף און פלעגט פארן יעדן וואך אין די גרויסע שטאט אין מארק, און דארטן געהאט א צימער און האט געהאט פון דעם פרנסה אויף דעם קומענדיגן וואך„ ער האט אויך געהאט אויף צו באצאלן די שכירות פון זיין הויז פארן פריץ. דער פריץ איז געווען גוט צו אים און געוואוסט אז ר' שלום ארבעט שווער אויף זיין געלט, אזוי האט זיך געצויגן יארן.

עס האט זיך געמאכט איין יאר א גאר קאלטער ווינטער און ר' שלום האט נישט געמאכט גענוג געלד פון די שניידעריי ווייל ווייניג מענטשן זענען ארויס געקומען אין מארק, און עס האט קאם געברענגט גענוג געלט אויף עסן לכבוד שבת און אויף דעם קומענדיגן וואך, אים און זיין ווייב זענען שטענדיג געווען צופרידן וויפיל דער אויבערשטער האט זיי געשיקט, אבער פארן שכירות פון הויז איז נישט געווען קיין געלט, איין וואך, צוויי וואכן, דריי וואכן, און ר' שלום האט באקומען א באזוך פון באדינער פון פריץ מיט א ווארענונג, אז דער קומענדיגן וואך אויב ער ברענגט נישט געלט פאר שכירות שיקט ער אים ארויס פון הויז! ר' שלום איז געווען פול מיט אמונה און בטחון און געענטפערט אז ער וועט דעם קומענדיגן וואך פרובירן זיך פארעכענען מיטן פריץ.

ר' שלום איז געפארן אין מארק אוןווארט פאר מענטשן צו ברענגען זאכן צו פארעכטן, אבער עס איז שוין געווען דאנערשטיג און ער האט ממש גארנישט געלייזט, ר' שלום גייט אהיים און אינמיטן וועג האט ער זיך אוועקגעזעצט אפרוהען און נעמט זיך טראכטן, ממילא אויף עסן פאר שבת קען ער דאך בעטן די שכנים וואס וועלן אים צושטעלן עסן אויף שבת, אבער ער האט דאך צוגעזאגט צאלן פארן פריץ, און ער האט נישט קיין געלט, און דער פריץ וועט אים זיכער ארויסווארפן אין גאס, אין די קאלטער שניי, און עס ווערט אים שלעכט אויפן הארץ, און פון גרוים ווייטאג נעמט ער זיך וויינען אויפן קול.

זיין וויינען איז אנגעקומען צו די אויערן פון א שר וואס איז אריבער געפארן, און ער איז געקומען און פרעגט פאר ר' שלום פארוואס ער וויינט אזוי שטארק? האט ר' שלום אים דערציילט אז ער דארף צאלן זיין שכירות, און די וואך האט ער גארנישט פארדינט, דער שר נעמט זיך שמועסן מיט ר' שלום און זעהט דא א אנשטעטיגן און א קלוגער מענטש, האט דער שר געזאגט איך וויל מאכן מיט דיר א געשעפט, איך וועל דיר געבן די שכירות פארן פריץ, און אויך וועל איך דיר בארגען א שיינע סכום געלט פאר פינף יאר און דו וועסט ארייגלייגן די געלט אין געשעפטן, און האלב פון די פארדינסט וועסטו מיר געבן, ווייל איך בין זיכער אז דו וועסט שיין פארדינען, און אין פינף יאר ארום וועסטו מיר צוריק באצאלן די געלט. ר' שלום האט זיך געפריידט מיט דעם און האט געשריבן א שטר פארן שר מיט אלע זיינע פרטים, אבער דער שר האט געהייסן שרייבן אז אויב אין פינף יאר וועט ער נישט באצאלן דעם חוב וועט ער אים נעמען פאר א קנעכט, ר' שלום האט אונטערגעשריבן דעם הסכם און גענומען די געלט און געדאנקט דער שר און איז אהיים געפארן.

ר' שלום קומט אהיים און דערציילט פאר זיין ווייב די גוטע בשורה, און ער גייט גלייך צום פריץ און באצאלט זיינע שכירות. נאך שבת איז ר' שלום געגאנגען צו זיינע באקאנטע אין מארק און געזאגט ער האט יעצט געלט אויף צו מאכן געשעפטן און מען האט אים אנגעטראגן געשעפטן און ר' שלום האט אריינגעלייגט געלט אין זיי און דער אויבערשטער האט אים געגעבן הצלחה און ער איז געווארן א גוטע סוחר און געהאט שיין פרנסה.

עס איז שוין באלד געווארן פינף יאר פון זיין אפמאך מיטן שר, און ער וועט זיך דארפן פארעכענען, איין טאג האט מען פאר ר' שלום אנגעטראגן א געשעפט וואס האט אויסגעקוקט זייער געראטן און אריינגעלייגט זיין גאנצע געלט אין יענע געשעפט און געהאפט אז ער וועט שטארק מצליח זיין און ווערן א גרויסער עושר, און אנפאנג איז דאס געגאנגען גאר גוט, אבער מיט די צייט איז דאס געווארן זויער און ר' שלום האט פארלוירן אסאך געלט! ער האט נאך געהאט פרנסה פארן שכירות, אבער צו באצאלן דעם שר איז שוין נישטא, און עס ווערט אים שלעכט וויסנדיג אז דער שר וועט אים נעמען פאר א קנעכט, נאנט צו די ענדע פון די פינף יאר איז אנגעקומען א שליח פון שר און דערמאנען ר' שלום אז אין צוויי וואכן דארף ער זיך פארעכענען מיטן שר.

ר' שלום איז געפארן צום הייליגן ישמח משה און אויסגערעדט זיין צרה, און דער רבי האט אים געזאגט, אז ער זאל זיך נישט זארגן, דער שר וועט פארשוואונדן ווערן, און זאלסט קומען זיין ביי מיר אין שטוב יענעם טאג. דער שר האט זיך דערוואוסט אז ר' שלום געפינט זיך ביים רבין און איז אנגעקומען זוכן ר' שלום און געקלאפט אויפן טיר, דער ישמח משה האט גענומען רייכערין א לילקע און די רויך איז געווארן זייער געדיכט און ער האט געעפנט די טיר און דער שר ווייל אריינגיין אבער די רויך האט אריינגעלייגט א פחד אין שר און די באדינערס. דער ישמח משה האט געזאגט פאר ר' שלום אז ער קען אהיים גיין רוהיג ווייל ער האט אריינגעלייגט א פחד אין שר אז זיי וועלן שוין מורא האבן צו גיין צו דיר, אבער זאלסטו וויסן אז דער חוב מוזטו צוריק באצאלן כדי עס זאל נישט זיין א חילול ה', איך גיב איך דיר א ברכה אז דו זאלסט מצליח זיין אין דיינע געשעפטן און באצאלן דעם חוב און האבן שפע פאר דיר. און דער אויבערשטער האט געהאלפן ר' שלום און ער איז געווארן א עושר, זיע"א. (אוצר הסיפורים מאשקאוויטש)


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ורב שלמה הכהן שטראסער $1000 מכתב ע"י תלמידי יח"ל שנת תש"א על צורך הקמת הישיבה ומתארים תועלת ותולדות הישיבה, חותמים בעל שבט הלוי, הרב אלימלך אשכנזי, הרב יצחק פלקסר, והרב מנדל מונדרר $4000 מכתב מהגאון ר' משה פיינשטיין אודות ילדי מורוקו $2500 דברי יהושע מאניסטריטש ב' חלקים בארדיטשוב $1500 ערבי נחל שייך להרה"ק ר' אהרן פערלאוו מקיידינוב $7000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 ייטב לב דפו"ר $1500 מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג' חתימות על דף אמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500, תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 מהר"ם שיק עם הקדשת קרן לדוד $2800

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. check out our website www.seforimworld.com מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט.